# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:37
מוצאי שבת קודש............9:06

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שמואל-א י"ג
בבלי..........................חולין ק"ז
ירושלמי..........בבא בתרא כ"ג
תוספתא.............בבא בתרא א'
רמב"ם........קידוש החודש ט"ז

פרשת שופטים, ב' אלול, אבות פרק ו', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 45 (764)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט. דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד׳ מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ**, מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט׳ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וואוּ מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג? אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינִיגְן דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶעם אוּן הֵיילִיגְן מֹחַ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קְטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁען קַיין שְׁלֶעכְטֶס. חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) **"כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה"** – וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט׳ן אוֹיבְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א׳)

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א׳ סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקְל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוויינִיגֶער. אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אִים אוֹיס, אוּן מֶען דַארְף זֶען צוּ נוּצְן דִי קֶענִיגְרֵייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתַּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ** – דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה׳ אֱלֹקֶיךָ בּוֹ** – אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים. אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקֵייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה׳)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### בִּזְיוֹנוֹת

וֶוען עֶס קוּמְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' פִירְן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן עוֹסֵק צוּ זַיין אִין פַאסְטְן אוּן אִין מַאכְן סִיגוּפִים, מֶען טוּט אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע אוּן צֶעקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשְׁלֶעךְ, אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא) מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן, (מִיר פַאסְטְן נָאר דִי טֶעג וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ פַאסְטְן); וָואס קֶענֶען מִיר טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "עִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", דוּרְךְ שְׁוַויגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט; דָאס אִיז מְכַפֵּר, דָאס טוּט פַארְצֵייעֶן אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וִוי

<<<<<<

## א גוט ווארט

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּלָאזְט שׁוֹין שׁוֹפָר, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער, מֶען גֵייט אוּנְז שׁוֹין דַן זַיין. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַ מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן לט): "הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר; שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען מַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן גֶעזָאגְט: 'טַאטֶע, הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר'".

בַּיים שׁוֹפָר בְּלָאזְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיטְן טַלִית אוּן הָאבּ אִינְזִין דִי כַּוָונוֹת; תְּקִיעָה – "עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר" (קֹהֶלֶת ז, כט), שְׁבָרִים - דוּרְךְ עֲבֵירוֹת הָאט מֶען עֶס צֶעבְּרָאכְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? תְּרוּעָה - זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן תְּקִיעָה - עֶס וֶוערְט צוּרִיק גַאנְץ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ' צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, און דִי פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת רְאֵה אִיז גֶעוֶוען דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה.

מַיין שְׁוֶוער הָרַב ר' מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א מִיט אַפָּאר שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל פוּן דִי שֵׁיינֶע מַעֲמָד. עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, דִי וֶוערְטֶער לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, און שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אַבִּיסְל אִין גַאס, און אוֹיךְ אִין שׁוּל, צוּם עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן מַיין מִשְׁפָּחָה, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי מְלַמְּדִים, אוֹיךְ דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט און אוֹיךְ דִי גַבָּאִים פוּן שׁוּל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "לְדָוִד מִזְמוֹר, לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" - פָּסוּק בְּפָסוּק, און מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אִין דִי נַייעֶ סֵפֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָינוּ וַוייל דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין שְׁוֶוער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת צוּ רֶעדְן דִבְרֵי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פוּן תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם וָואס בֶּעט אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה, שְׁרַייבְּט עֶר דָארְט אַ לָשׁוֹן (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִּבְרֵי יוֹאֵל, סִימָן לא): **"כִּי מִי שֶׁאֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לְמַכְעִיסָיו, אֲפִילוּ שֶׁהִכְעִיסוּ עַד אֵין שִׁיעוּר"**, אוֹיבּ אֵיינֶער גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר דִי וָואס זִינְדִיגְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט גָאר אַסַאךְ - "מְבָרֵךְ חַס וְשָׁלוֹם בְּכָל יוֹם בְּרָכָה לְבַטָּלָה, 'חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ'", מַאכְט עֶר יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיךְ דֶערְמַאנְט וָואס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ), פוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לה): **"שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם"**, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע אֶפִּיקוֹרְסִים, **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים"**, ווָאוֹיל אִיז פַאר דִי וָואס וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל מַה שֶּׁהוּא מְסַפֵּר זֹאת, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם וְשֶׁצְּרִיכִין לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא אוֹמֵר זֹאת אַף עַל פִּי כֵן מִתְגַּבֶּרֶת הָאֶפִּיקוֹרְסוּת וְהַבִּלְבּוּלִים"**, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאג שׁוֹין דָאס אַלֶעס פָארְאוֹיס, **"אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי מוֹדִיעַ זֹאת מִקֹּדֶם"**, דָאךְ זָאג אִיךְ יֶעצְט וָואס גֵייט זַיין, **"בִּשְׁבִיל אוֹתָן מְעַט הַכְּשֵׁרִים שֶׁיִּתְחַזְּקוּ עַצְמָן בֶּאֱמוּנָתָן"**, פַאר דִי גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, **"וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָהֶם מִלְחָמוֹת גְּדוֹלוֹת בְּדַעְתָּן"**, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן אַסַאךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, **"לְמַעַן יִהְיֶה לָהֶם לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ וְהִתְחַזְּקוּת וְהִתְאַמְּצוּת יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁכְּבָר דִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם"**, דָאס וֶועט זַיין פַאר זֵיי גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר

<<<<<<

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

נב. כְּשֶׁאֵיזֶה צַעַר בָּא עָלֶיךָ, תְּפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשֶׂיךָ. וֶוען עֶס טוּט דִיר עֶפֶּעס וֵויי, זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

<<<<<< מוֹהַרְא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פַאסְטְן און זִיךְ פַּייניגְן.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט אַ בִּזָּיוֹן – אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס שַׁארְף אָדֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ – נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָאס אָנְנֶעמֶען מִיט שִׂמְחָה, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען דִיר דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ תִּיקּוּן, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט דַארְפְן פַאסְטְן; דָאס וֶועט זַיין בִּמְקוֹם פַאסְטְן, און אַזוֹי וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

זִיכֶער אוֹיבּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן דִיר עֶפֶּעס, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵיי, אָדֶער דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַרַיין און דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אָנְגֶעפַּאטְשְׁט – זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, זַיי עֶס מְקַבֵּל בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה, דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּן, און דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ זִיס יָאר, אַ לִיכְטִיגֶע יָאר מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

### בִּזְיוֹנוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס

אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בִּזְיוֹנוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּיקּוּן – דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בִּזְיוֹנוֹת; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען זֶעט זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל, אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן נַייעֶ קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת - און מֶען פַאלְט אַרָאפּ; מֶען זֶעט זִיךְ זַיין אַזוֹי וַוייט, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, און מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, און אַלְץ פַאל אִיךְ צוּרִיק, און אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער און וַוייטֶער פוּן דִיר, אָבֶער גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ גֵיי טַאקֶע זַיין גוּט וְכוּ'"; אַזַא אֵיינֶער אִיז אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ: 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק'; וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): "כָּל הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ", דֶער וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט און עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - "מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, נִיץ אוֹיס דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' מִיט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מוֹחֵל זַיין און עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּגָמִים און פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רְגִילוּת, בִּפְרַט פוּן פְּגַ"ה רַחֲמָנָא לִצְלָן. נִיץ אוֹיס דִי טֶעג פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), אַז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען מְתַקֵּן זַיין דֶעם חֵטְא; אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, אָבֶער דֶער חוֹדֶשׁ קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַאר יֶעדְן אִיד אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסָּיוֹן, און צוּ קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

(קוּנְטְרֵס חוֹדֶשׁ אֱלוּל)

<<<<<< בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט זַיין.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דֶעם שִׂיחָה (שָׁם, סִימָן רכ) וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דִי וֶועלְט אַפִּיקוֹרְסוּת, "כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם", פוּן הִימְל וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען אַפִּיקוֹרְסוּת, "בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן", כְּדֵי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן וֶוער עֶס וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי, אֵיךְ יוּכְלוּ לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מוּעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם", וִוי אַזוֹי וֶועלְן אַזוֹי וֵוייניג מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט...

עֶר פִירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא", דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיין אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל טָעוּת; מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט גֶעזֶעצְט דֶעם חָתָן אוֹיבְן אָן, אוּן אוֹיךְ בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאט מֶען אַרַיינְגֶערוּפְן דִי כַּלָה, אוּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען זוּנְטָאג בַּייטָאג, אוּן מֶען מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל מִתְפַּלֵּל זַיין. אִיךְ פָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ פָארְן אַפָאר יָאר צוּרִיק אָבֶער עֶס וֶוערְט אַ טוּמְל וְכוּ', אִיךְ וֶועל וַוארְטְן צְוֵויי טֶעג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי וָואךְ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן נָאר מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ו)



**שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב**

# רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי כּוֹחוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרַיין אִין אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים, וָואס גֶעבְּן מִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, עֶס אִיז שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יָאר וָואס אִיךְ פַארְפַּאס נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם יֶעדְן טָאג, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן; אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת אַז מֶען קֶען הָאבְּן אַזַא זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ קֶען גוּט לֶערְנֶען, אָבֶער אֲפִילוּ אַזוֹי פְלֶעגְט דוּרְכְגֵיין טֶעג אוּן וָואכְן וָואס אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט קַיין סֵפֶר, זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג מִיט רַשִׁ"י, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים, אַלֶץ אַ דַאנְק דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, מִיט פִיל נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער הִתְבּוֹדְדוּת: א) מֶעג מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אָדֶער נִישְׁט? ב) אִיז מוּתָּר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה? אַזוֹי וִוי מֶען טָאר נִישְׁט דָארְט זָאגְן אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה. ג) דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת: "הַמְּהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וְכוּ', הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ", לוֹיט דֶעם וִויל אִיךְ וִויסְן צִי דָאס מֵיינְט אוֹיךְ גֵיין אִין וַואלְד בַּיינַאכְט, (בְּאוֹפָן אַז מֶען וֶוערְט זִיכֶער נִישְׁט פַארְלוֹירְן), זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גֶעוִויסֶע שְׁטִיקְלֶעךְ גְמָרָא וָואס מַאכְט טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּט וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַסַאךְ מָאל, דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ קֶען עֶס אִיבֶּערְלֵיינֶען וֶוען אִיךְ וִויל.

**אַ בָּחוּר פוּן לָאנְדָאן**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת, דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: 'אֶפְשָׁר אִיז הַיינְט מַיין לֶעצְטֶע טָאג?' עֶר גֵייט שְׁלָאפְן מִיט דִי מַחְשָׁבָה, עֶר גֶעבְּט זִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי' - מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיךְ שַׁבָּת מִתְוַדֶּה זַיין.

אוּן בְּנוֹגֵעַ וֵויינֶען שַׁבָּת; עֶס וֶוערְט שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (מִדְרָשׁ אַגָּדָה, הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח; טוּרֵי זָהָב שָׁם, סְעִיף קָטָן ב), אַז אוֹיבּ עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג, אַ פַארְגֶענִיגְן פַארְן מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיסְצוּוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - מֶעג מֶען דָאס טוּן אוּם שַׁבָּת.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; אַוַודַאי מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בְּמַחְשָׁבָה אִין מִקְוֶה, נִישְׁט נָאר בְּמַחְשָׁבָה, נָאר אוֹיךְ בְּדִיבּוּר; אִיז מֶען אִיז אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט בִּצְנִיעוּת קֶען מֶען מַאכְן תְּפִילוֹת בַּיי יֶעדֶע טְבִילָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען בֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת דִי טְבִילָה וָואס אִיךְ טוֹבֵל זִיךְ - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן"**, אוּן מֶען טוּנְקְט זִיךְ אַיין; מֶען זָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ טוֹבֵל זִיךְ יֶעצְט מַיין קֶערְפֶּער, בֶּעט אִיךְ דִיר, טוֹבֵל מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ זָאל וֶוערְן רֵיין פַאר דִיר".**

אוֹיף דִי דְרִיטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; אַוַודַאי מֶעג מֶען גֵיין, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה; קוּק אַרַיין אִין בַּרְטְנוּרָא (אָבוֹת ג, ד): "וְאִם הָיָה מְחַשֵּׁב בְּדִבְרֵי תּוֹרָה הָיְתָה מְשַׁמַּרְתּוֹ", אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה מֶעג מֶען, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים הִיטְן; אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן נב), וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ד): "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה" - כִּפְשׁוּטוֹ, דֶער וָואס אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר גִיסְט אוֹיס זַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַמְּהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי" - עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט דָארְט, "וְהַמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה" - צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ" - וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז חִיּוּב הַמְּצִיאוּת, אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיךְ אַ מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; קוּק אַרַיין אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס וֵויינְט אוֹיף דִי טָעוּת וָואס דִי אֶפִּיקוֹרְסִים הָאבְּן, זֵיי זָאגְן אַז דִי וֶועלְט

<<<<<<

אִיז אַ פַּאקְט וָואס מוּז זַיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי, דָאס אִיז לִיגְנְט, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, אָבֶער אַלֶע וֶועלְטְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִיז אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט זֵיי וֶוען נִישְׁט גֶעדַארְפְט בַּאשַׁאפְן, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז זַיין, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מֵאַיִן נִמְשָׁךְ הַטָּעוּת״, פוּן וִוי קוּמְט צוּ זֵיי דֶער טָעוּת? וַוייל אֵיינְמָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, מוּז שׁוֹין זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - בַּיינַאכְט - בְּדֶרֶךְ יְחִידִי, הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב, עֶר אִיז גּוֹרֵם צוּ וֶוערְן מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת, עֶר אוּן אַלֶע וֶועלְטְן וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

לֶערְן אַסַאךְ גְמָרָא, לֶערְנֶען מַאכְט נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס קֶען זַיין אַז בַּיים לֶערְנֶען קוּמֶען זֵיי אַרוֹיס אוּן זֵיי גֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי וַואסֶער וָואס מֶען לֵייגְט אוֹיפְן פֵייעֶר, עֶס הֵייבְּט אָן קָאכְן אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין שְׁמוּץ, וֶועט דֶען אֵיינֶער טְרַאכְטְן אַז דִי פֵייעֶר מַאכְט דִי שְׁמוּץ אוּן דֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה מֶער נִישְׁט אוֹיפְצוּקָאכְן וַואסֶער? נֵיין, נָאר וָואס דֶען? אִין דִי וַואסֶער אִיז בַּאהַאלְטְן שְׁמוּץ, אוּן אַדְּרַבָּה, דוּרְךְ לֵייגְן אוֹיפְן פֵייעֶר - גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עט), אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא, מִשְׁנַיּוֹת וְכוּ׳ - וֶועט זִיךְ אֶפְשָׁר דַאכְטְן אַז דִי גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיּוֹת מַאכְן מַחְשָׁבוֹת וְכוּ׳, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז נָאר מְטַהֵר, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כב.), אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ כג, כט): ״הֲלֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה׳״, שֶׁאֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מְקַבְּלִין טוּמְאָה״.

אִיךְ שִׁיק דִיר צוּרִיק דֶעם בְּרִיוו קַיין לָאנְדָאן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַיֵּ׳ זַיין, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְזוּכְן דִי קוּנְטְרֵס ׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳, לֶערְן עֶס בְּקוֹל, כְּאִילוּ דִי בְּרִיוְון זֶענֶען פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, וַוייל אַלֶע בְּרִיוְון זֶענֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ״ו)

# אנשי חיל קאמפיין ברוך ה׳ געקרוינט געווארן מיט סוקסעס

פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען די ניינטע "אנשי חיל" קאמפיין פאר אונזערע מוסדות היכל הקודש ברסלב, וואס האט געמאכט א געוואלדיגע קידוש השם ביי אלע וואס האבן עס מיטגעהאלטן, און עס האט געוויזן אז אנשי שלומינו זענען זייער געטריי פאר'ן ראש ישיבה שליט"א. ארום 600 אנשי שלומינו האבן זיך אנגעשלאסן אינעם קאמפיין, סיי פון אמעריקע און סיי פון ארץ ישראל, סיי מענער און סיי פרויען. מען האט ארומגערופן און געבעטן פון גוטע פריינט, משפחה-מיטגלידער, באקאנטע און אנדערע נדבנים צו געבן נדבות און העלפן די קהילה.

עס קומט זיך א געוואלדיגער דאנק פאר יעדן פערזענליך; יעדער איינער האט אריינגעלייגט זיינע כוחות כפי יכלתו. עס זענען געווען מענטשן וואס האבן אריינגעברענגט א קליינעם סכום, און אנדערע וואס האבן אריינגעברענגט אסאך מער, די שיינקייט איז אבער געווען אז מ'איז ארויס פונעם אייגענעם "קאמפארט זאון", די פלאץ וואו מען שפירט זיך באקוועם, און מען האט זיך גענומען די מי צו רופן בעטן געלט פון באקאנטע, אפילו עס איז אסאך מאל שווער.

און ברוך ה׳ די רעזולטאטן האבן נישט געשפעטיגט צו קומען; ביים סוף פונעם קאמפיין איז צוזאמגעקומען א צאל פון כמעט זעכצן טויזנט נדבנים! יא, איבער פופצן טויזנט נדבנים, טויזנטער אידן פון פארשידענע פלעצער, משפחות און קרייזן, וואס האבן געוואלט זיין א חלק פון דעם גרויסן צוועק. און דער סך הכל? איבער 1.3 מיליאן דאלער, דאס איז א סכום וואס איז העכער פונעם ארגינעלן ציל פון א מיליאן דאלער.

עס האט זיך ארויסגעוויזן די שיינקייט פון אידישע קינדער, וואס ווילן געבן צדקה פאר אזא הייליג פלאץ וואס ברענגט אמונה איבער די גאנצע וועלט, און העלפט אזויפיל אידן מיט אזויפיל עצות און חיזוק ברוחניות ובגשמיות. און בעיקר האט זיך ארויסגעשטעלט די שיינקייט פון אנשי שלומינו, וועלכע זענען געווען גרייט ארויסצוהעלפן דעם פלאץ וואו מען שעפט חיות א גאנץ יאר, און דערמיט העלפן דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען באצאלן די פילע חובות וואס זאמלען זיך אן במשך דעם יאר פון בויען די הייליגע קהילה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גאר שטארק הנאה געהאט פון דעם פאקט אז יעדער אן אויסנאם איז געגאנגען נאך געלט, דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך גערעדט פון דעם וואס די הייליגע צדיקים האבן זייער שטארק געארבעט אויף דעם אז יעדער איד זאל גיין צוזאמנעמען צדקה, אפילו א גאנץ יאר דארף מען גיין נאך געלט, מען מוז עוסק זיין אין צדקה, נישט קיין חילוק פארוואס מען גייט, זאל עס זיין צו בויען מוסדות התורה, זאל עס זיין ארויסצוהעלפן א איד א נצרך, עס פעלט נישט קיין צדקה צוועקן ביי כלל ישראל, אבער מען מוז גיין נאך געלט. און יעצט אז מען האט דעם כח הרבים אז יעדער גייט נאך געלט פאר די מוסדות, האט עס ארויסגעשלעפט יעדן פון זיין פלאץ און עס געמאכט אביסל גרינגער זיך צוצוגעוואוינען צו גיין נאך געלט.

ווי אויך איז דאס א פלאץ זיך צו באדאנקען פאר אלע טיעם-אנפירערס, וואס האבן במשך דעם קאמפיין געמוטיגט דעם עולם אנצוגיין ווייטער און רופן נאך מענטשן, אדער גיין נאך געלט ביי הייזער, שולן וכדומה, און באזונדער דארף מען ארויסברענגען א גרויסן דאנק פאר די נשי חיל וואס האבן אריינגעלייגט גאר אסאך כח היי-יאר ארומצוגיין נאך געלט און רופן באקאנטע; דאס האט גאר שטארק ארויפגערוקט די נומערן, כדי צו קענען גרייכן דעם ציל וואו מען איז צום סוף אנגעקומען.

דער אייבערשטער וועט זיכער באצאלן פאר אלע וואס האבן ארויסגעהאלפן צו די סוקסעס פונעם קאמפיין, יעדער איינער אויף זיין וועג.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מרדכי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב בית שמש רמה ד׳
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף פארטוגאל** הי"ו וויליאמסבורג
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **גדלי׳ אפפעל** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל סאמעט** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **משה ראזענבערג** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **יוסף שלמה** נ"י למזל טוב

## אין בלאטע

עס דערנענטערט זיך שוין די הייליגע טעג,
און דערווייל זע איך זיך ליגן טיף אין
בלאטע, ווי אזוי זעט מען זיך ארויס?
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 1, 12, 2, 69

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


< BreslevCenter.com >